# ויאמר אליהו

דברי חיזוק
באמונה ובטחון ועוד
על פרשיות השבוע

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
ביהמ"ד תוס' יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-1459

ערב שב"ק פרשת
**וישב**
י"ט כסלו שנת תשפ"ה

בס"ד

# א מענטש דארף זיך אויסארבעטן, אז ער זאל אמת'דיג לאזן פירן פונעם אייבערשטן!!!

## » פארוואס האבן די שבטים איינגעטונקן די זיידענע העמד אין בלוט?

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (לז, לב-לג) וַיְשַׁלְּחוּ אֶת כְּתֹנֶת הַפַּסִּים וַיָּבִיאוּ אֶל אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ זֹאת מָצָאנוּ הַכֶּר נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִוא אִם לֹא, וַיַּכִּירָהּ, וַיֹּאמֶר כְּתֹנֶת בְּנִי חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף.

**און** די **אור החיים הק'** שטעלט זיך אויפן דאפעלטן לשון פון טרוף טורף יוסף, און איז מסביר ווי פאלגענד: "די תורה וויל מיט דעם זאגן אז יעקב האט פארשטאנען אז עס איז פארגעקומען צוויי פארצוקען'גיכטס, איינס, אז א חיה האט פארצוקט יוסף און איהם געהארגעט, די צווייטע, אז די חיה האט אויף פארצוקט זיין גאנצע קערפער און עס אריין געשלפעט צו זיין הייל און וואוינארט, וואס מיט דעם האט ער זיך מייאש געווען צו זיכן זיינע ביינער עס צו באגראבן, ווייל ווען נישט דעם איז זייער שווער פארוואס יעקב האט נישט פראבירט אויפצוזיכן זיינע ביינער צו מקיים זיין די מצוה פון באגראבן."

"**נאר** די ברודער האבן זיך געקלוגט און געזאגט 'זאת מצינו' דאס הייסט אז נאר דאס און נישט די ביינער, און פון דעם האט יעקב פארשטאנען אז די חיה האט פארצוקט די גאנצע קערפער אריין אין זיין וואוינונג, וואס דעריבער האט ער נישט נאכגעזיכט נאך זיינע ביינער", עכ"ל.

**אבער** מען דארף נאכאלץ פארשטיין, וואס האט אויסגעפעלט די גאנצע מעשה, פון וואס האבן די שבטים מורא געהאט, אפי' יעקב וואלט יא געגאנגען און פראבירט צו זיכן וואלט ער אוודאי גארנישט געטראפן, ווייל מען האט דאך איהם פארקויפט קיין מצרים, און אמאל איז נישט געווען אזא קליינע וועלט ווי היינט, און בדרך הטבע וואלט נישט געווען קיין שום מעגליכקייט אז יעקב זאל איהם געפונען.

## » וואס איז די גרויסע 'גדולה' אז יוסף האט באדינט ערליך זיין אויבערהאר פוטיפר?!

**מיר** טרעפן אין **מדרש** (שהש"ר א א) די פאלגענדע ווערטער: "עס שטייט אין פסוק (משלי כב, כט) חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב (-איך האב געזעהן א מענטש וואס איז פלייסיג אין זיין ארבעט, פאר קעניגן שטעלט ער זיך) **דאס איז יוסף הצדיק.** יעדער איינער וואס באדינט זיין הער ווי עס דארף צו זיין גייט ארויס אויף דער פריי, פון ווי לערנט מען עס ארויס, פון יוסף, דורך דעם וואס ער האט באדינט זיין הער ווי עס דארף צו זיין איז ער ארויס אויף די פריי, דעריבער 'לפני מלכים יתיצב' דאס איז פרעה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מא, יד) וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר".

**און** לכאו' איז זייער וואונדערליך, צו דען דאס איז די גרויסע לויב פון יוסף הצדיק אז ער האט ערליך באדינט זיין הער פוטיפר, צו האט מען נישט געטראפן עפעס א גרעסערע לויב אויף יוסף פון דעם, און צו דען אן דעם וואלט מען נישט געקענט טרעפן עפעס אן אנדערע זכות אויף יוסף, אויף וואס ער זאל קענען ווערן באפרייט פון תפיסה, און אויך ווערן געגרויסט פאר א משנה למלך.

**די** דאזיגע שאלה - שטייט אין **שפתי צדיק** אז ער האט געפרעגט פאר זיין שוואגע די **שפת אמת זצ"ל**, און ער האט איהם גענטפערט מיט א מורא'דיגע יסוד אין עבודת ה', אז די כוונה פון די מדרש איז, אז יוסף הצדיק איז געווען אזוי שטארק אין אמונה און אין השגחה פרטית, אז אלעס וואס געשעהט פאר א מענטש איז פונקטליך אויסגערעכנט פון הימל, און צוגעפאסט ספעציעל פאר איהם.

**דעריבער** ווען יוסף הצדיק האט געזעהן אז די באשעפער האט אינטערגעפירט אזא נידריגע מצב צו ווערן פארקויפט פאר א קנעכט אין מצרים, האט ער נישט געזוכט זיך ארויסצודרייען פון זיין מצב, און זיך אגאנצן טאג זארגן און טראכטן ווען וועט ער שוין ארויס גיין פון דעם מצב, ווייל ווען ער וואלט ווען געלעבט מיט אזא געפיל, וואלט ער זיך תיכף מייאש געווען, און ער וואלט נישט געקענט טוהן זיין ארבעט מיט געטריישאפט, ווייל ווען א מענטש איז זיך מתייחס צו זיין מצב ווי צו א געצווינגענע זאך, קען ער נישט זיין צופרידן פון זיך, און וואס ער טוהט נאר, טוהט ער מיט א שווערקייט און אן חשק, און פראבירט א גאנצע צייט צו אנטלויפן פון זיין ארבעט, און זיך ארויסדרייען.

**יוסף** הצדיק אבער, האט מקבל געווען זיין מצב מיט אמונה און ליבשאפט, און ער האט פארשטאנען אז יעצט איז די רצון ה' אז ער זאל איהם דינען אין דעם מצב, זייענדיג א פארשקלאפטע קנעכט אין א ווייטע אפגעזונדערטע לאנד, און נאר אזוי האט ער טאקע געקענט טוהן זיין ארבעט מיט שמחה און סיפוק, און ער האט געהאט די כוחות הנפש צו באדינען זיין הער מיט א געטריישאפט, כאילו ער באדינט זיין אייגענעם טאטן.

**און** לויט דעם פאשטייט מען זייער גוט די אויבנדערמאנטע ווערטער פונעם מדרש אז "ווער עס באדינט זיין הער ווי עס דארף צו זיין וועט ער צום סוף ארויסגיין אויף דער פריי", ווייל ווען איינער איז מקבל אויף זיך די עול און די מצב וואס די באשעפער ברענגט איהם מיט א פרייליכקייט און צופרידנקייט, העלפט איהם דער אייבעשטער צו ווערן טאקע אויסגעלייזט פון דעם שווערן מצב, און ארויסגיין אויף דער פריי.

**און** דאס אונז דינען פאר א גרויסע חיזוק, אז א יעדע מענטש און וואספארא מצב ער איז, זאל ער נישט זאגן אז יעצט קען ער נישט דינען דעם אייבערשטן, און ווען דער אייבעשטער וועט איהם ארויסנעמען פון דעם מצב און עס וועט איהם ווערן גרינגער, דעמאלטס וועט ער דינען דעם אייבערשטן, ווייל א יעדע רגע אין וואספארא מצב ער איז, דאס איז פונקטליך די מצב אין וואס די אייבערשטער האט איהם אריינגעלייגט און וויל אז ער זאל איהם אזוי דינען.

**און** אזוי ווי די **חפץ חיים זצ"ל** טייטשט דעם פסוק וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא (שמות ג, ה), אז עס איז נישט דא קיין שום מצב און זמן וואס שטערט פארן מענטש צו דינען דעם אייבערשטן, און דאס זאגט די פסוק 'של נעלך מעל רגליך', טוה אויס דיין שיך, דאס הייסט די אלע זאכן וואס די טראכסט אז דאס איז חוצץ צווישן דיר אין דעם אייבערשטן, ווייל 'המקום שאתה עומד עליה אדמת קודש', א יעדע פלאץ, ווי די שטייסט נאר, איז א הייליג ערד, ווי אימער די געפונסט דיך נאר, געפונסט דו זיך אויף א פלאץ ווי די קענסט דארט ווערן נענטער צום אייבעשטן.

**און** אויף דעם אופן שטייט אויך געשריבן אין ספה"ק **קדושת לוי** אויפן פסוק (לט, כ) וַיִּקַּח אֲדֹנֵי יוֹסֵף אֹתוֹ וַיִּתְּנֵהוּ אֶל בֵּית הַסֹּהַר מְקוֹם אֲשֶׁר אסורי הַמֶּלֶךְ אֲסוּרִים וַיְהִי שָׁם בְּבֵית הַסֹּהַר, וואס לכאו' די לעצטע פאר ווערטער פון 'ויהי שם בבית הסוהר' איז איבריג, ווייל אוודאי אז מען האט איהם אריינגעלייגט דארט און קיינער האט איהם נישט ארויסגענומען, געפונט ער זיך דארט.

**נאר** פשט איז, אז יוסף האט פארשטאנען זייענדיג דארט אין תפיסה, אז דאס איז די רצון ה', אז ער זאל זיך דארט געפונען, דעריבער האט ער נישט געטוהן קיין שום פעולה ארויסצוגיין, און ער האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן אז דאס איז זיכער פאר זיין טובה, דעריבער 'ויהי שם בבית הסוהר', ווייל ער איז דארט געווען מיט איינערקענונג אז ער דארף זיין דארט.

## » פארוואס זענען געבענטש געווארן די שטובער פון לבן און פוטיפר, און נישט פון אחאב?!

**די** גמרא אין מסכת **סנהדרין** (לט:) זאגט ווי פאלגענד: "עס שטייט אין פסוק (מלכים א י"ח) וַיִּקְרָא אַחְאָב אֶל עֹבַדְיָהוּ אֲשֶׁר עַל הַבָּיִת וְעֹבַדְיָהוּ הָיָה יָרֵא אֶת ה' מְאֹד, וואס זאגט די פסוק (-דאס הייסט, וואס איז די שייכות צווישן דעם וואס אחאב האט גערופן עובדיהו, צו דעם אז עובדיהו איז געווען א ירא ה'), זאגט רבי יצחק, אחאב האט געזאגט פאר עובדיהו זיין משרת, ביי יעקב זעהט מען אז לבן'ס הויז איז געבענטשט געווארן וועגן אים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ל כ"ז) נִחַשְׁתִּי וַיְבָרְכֵנִי ה' בִּגְלָלֶךָ, אויך ביי פוטיפר זעהט מען אז זיין שטוב איז געבענטשט געווארן וועגן יוסף, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית לט ה) וַיְבָרֶךְ ה' אֶת בֵּית הַמִּצְרִי בִּגְלַל יוֹסֵף, ווידער איהם מיין הויז איז נישט געבענטש געווארן, דאס איז א סימן אז דו ביסט נישט קיין ערליכע מענטש, דעריבער איז ארויס א בת קול און געזאגט 'עובדיהו איז א א גרויסע ירא ה', נאר די הויז פון אחאב איז נישט אנגעגרייט פאר קיין ברכה'."

**און** די **מהרש"א** פרעגט אויף דעם, וואספארא זכות האבן טאקע געהאט לבן מיט פוטיפר מער ווי אחאב, אז זייערע שטובער זענען געווען גרייט פאר ברכה, און אחאב'ס שטוב נישט. און ער ענטפערט, אז לבן און פוטיפר זענען געבענטשט געווארן מיט די זכות פון זייערע טעכטער, ווייל רחל לאה האבן חתונה געהאט מיט יעקב, און די טאכטער פון פוטיפר האט חתונה געהאט מיט יוסף, דאגעגן פוטיפר האט נישט געהאט דעם זכות.

**און** ספר **זרע שמשון** פארענטפערט ער אויף אן אנדערע אופן, וואס מען לערנט זיך ארויס פון דעם א מורא'דיגע טיפן יסוד אין עבודת ה'.

**עס** איז דא א גרויסע אינטערשייד צווישן לבן און פוטיפר, מיט אחאב. ווייל לבן זעהט מען האט איבער געגעבן די גאנצע הנהגה פון די שאף צו יעקב, און האט זיך פארלאזט אויף איהם אינגאנצן, דאס זעלבע איז אויך געווען ביי פוטיפר, ווי עס שטייט קלאר אין פסוק (לט, ו) וַיַּעֲזֹב כָּל אֲשֶׁר לוֹ בְּיַד יוֹסֵף וְלֹא יָדַע אִתּוֹ מְאוּמָה, דאגעגן אחאב, האט זיך בכלל נישט איבערגעגעבן דאס פירונג פון די שטוב פאר עובדיהו, נאר ער איז געווען א קנעכט צווישן אלע אנדערע קנעכט, אין די לעצטע ווארט איז געליבן אין די הענט פון אחאב, דעריבער ווערט דאס נישט גערעכענט כאילו עובדיהו האט געפירט דאס גאנצע שטוב ווערטשאפט, וואס דעריבער איז נישט חל געווארן די ברכה.

**די** לימוד וואס מיר דארפן ארויס נעמען פון דעם איז, אז ווען א מענטש וויל האבן הצלחה אין סיי וואס ער טוהט, דארף ער מאכן זיכער אז ער פארלאזט זיך אינגאנצען אויף דעם אייבערשטן אז ער וועט איהם פירן אלע זיינע געשעפטן, און אז ער וועט איהם ברענגען זיין הצלחה, און מיט דעם ווייזט ער אז דער אייבערשטער איז דער אמת'ער בעל הבית.

## » אמונה האט א כח המשכה!

**אין** די אמת איז, אז אין חסידישע ספרים ווערט מבואר א טיפערערע ענין אין אמונה, און דאס איז, אז אמונה האט א כח, אז דאס עצם גלייבן, ברענגט דאס יענע זאך אין וואס ער גלייבט.

**און** מען דערציילט א מעשה וואס איז געווען ביין הייליגן **בעש"ט הק'** זי"ע, אז אמאל איז געקומען צו איהם א מענטש זיך אנוואונטשן אויף קינדער, און איבער א יאר איז ער טאקע געהאלפן געווארן, און די תלמידים האבן געהאט 'טענות' צום רבי'ן, היתכן אז דער איד ווערט תיכף ומיד געהאלפן, און מיר

"...ווייל ווען א מענטש איז זיך מתייחס צו זיין מצב ווי צו א געצווינגענע זאך, קען ער נישט זיין צופרידן פון זיך, און וואס ער טוהט נאר, טוהט ער מיט א שווערקייט און אן חשק, און פראבירט א גאנצע צייט צו אנטלויפן פון זיין ארבעט, און זיך ארויסדרייען..."

געפונען זיך שטענדיג מיטן רבי'ן און מיר זענען זיך מזכיר, און מיר ווערן נישט אזוי שנעל געהאלפן.

**האט** זיי דער הייליגער בעש"ט געענטפער, אז דוקא יענע איד מיט זיין גרויס תמימות איז געווארן שנעלער געהאלפן ווי ענק, ווייל יענער איד, איז תיכף נאכדעם וואס איז האב איהם אנגעוואונטשן מיט קינדער, איז ער געלאפן קויפן א בעטל מיט א וועגל פאר קינד וואס גייט איהם געבוירן ווערן, ווייל ער אמת'דיג געגלייבט אין די ברכה פונעם בעשט"ט, דאגעגן איר האט נאכנישט די ריכטיגע דרגה פון אמונה וואס מען פארדערט פון ענק פון הימל, דעריבער זענט איר נאכנישט געהאלפן געווארן, ווייל עס פעלט נאך פון ענק די כח המשכה פון אמונה, אז די ברכה זאל מקוים ווערן.

## » וואס איז די גרויסע מעלה פון די משכן פון משה רבינו, אז דאס בלייבט אויף אייביג?

**און** מיר טרעפן אויף די כח פון אמונה, דאס איז די כח וואס האט געמאכט אז די משכן פון משה רבינו זאל קיינמאל נישט חרוב ווערן, אזוי ווי עס שטייט אין גמ' אויפן פסוק 'עצי שטים עומדים' אז שטייען אויף אייביג, דאס הייסט אז די צווי בתי מקדשים זענען ליידער חרוב געווארן, דאגעגן די משכן איז נגנז געווארן (-באהאלטן געווארן).

**און** די סיבה פון דעם איז לויט ווי חז"ל זאגן אין מדרש תנחומא "פון ווי האט מען געהאט די קרשים, נאר יעקב אבינו האט דאס איינגעפלאנצט זייענדיג אין מצרים, און ער האט געזאגט פאר זייענע קידנער, אז אין די צייט וואס איר וועט ווערן אויסגעלייזט גייט דער אייבערשטער ענק באפעלן אויפצבויען א משכן, דעריבער פלאנצט איין פון יעצט טענעןביימער, כדי איר זאלט האבן גרייט די האלץ גלייך", עכ"ל.

**לאמיר** זיך מתבונן זיין, וואס ליגט באהאלטן אין אט די העלצער, כלל ישראל געפונען זיך אינטער פארשלאפקייט צוויי הונדערט און צען יאר, פארזיגעלט און פארמאכט אינטער די מעכטיגע מויערן פון מצרים, קיינער קומט נישט אריין קיינער גייט נישט ארויס, ער ענדיגט דעם טאג אויסגעמוטשעט און אויסגעמאטערט, ער קומט אהיים און די בני בית בעט ביי איהם ער זאל קומען עסן עפעס און זיך אפרוען, זאגט ער איר, אז ער האט נאכנישט געענדיגט די ארבעט פון היינט, ער דארף נאך גיין באוואסערן די ביימער וואס ער האט איינגעפלאנצט, ווייל נאך אביסל גייט מען ארויסגיין פון מצרים, און מען גייט בויען א משכן פאר די אייבערשטער, און אזוי גייט ער, צובײלט און צובלוטיגט באוואסערן די בוים.

**צו** קענען מיר זיך פארשטעלן וואספארא אמונה זענען איינגעזאפט געווארן אין אזעלכע העלצער, אט דאס זענען די העלצער וואס גייען בלייבן אויף אייביג, העלצער וואס ער שרייעט ארויס פון זיי אמונה און האפענונג.

**אויך** איז באוויסט די ווערטער פון די הייליגן **נועם אלימלך** (פר' בהר) וואס ברענגט בשם זיין ברודער די הייליגע ר' ר' זושע, אויפן פסוק (ויקרא כה, כ) וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל וגו' וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי וגו', אז פשט איז, אז נאר ווען א איד איז מהרהר צו דער אייבערשטער וועט איהם צושטעלן זיינע באדערפעניש דעמאלטס דארף מען צוקומען צו א ספעציעלע ברכה פון 'וצויתי את ברכתי', ווייל די ספק אין אמונה, דאס אליין שטעלט שוין אפ די שפע, וואס וואלט ווען אליין געדארפט אראפקומען אויף א נאטורליכע אופן, ווען נישט זיינע ספיקות אין אמונה.

**און** לויט דעם אלעם, האט **הרה"ק יעקב אריה מראדזימין זי"ע**, פארענטפערט די קשיא, פארוואס די שבטים האבן געדארפט טובל'ן די העמד פון יוסף אין בלוט, ווייל די שבטים האבן גוט געוויסט די כח פון אמונה, און זיי האבן געוויסט אז אויב יעקב אבינו וועט נאך האבן א האפענונג פון טרעפן יוסף, וועט ער מיט די כח פון אמונה ממשיך זיין און צוריק ברענגען יוסף אפי' פון מצרים, דעריבער איז זיי נישט געבליבן קיין אנדערע ברירה נאר מאכן דעם שפיל, כדי אז יעקב זאל זיך אינגאנצען מייאש זיין פון איהם צו טרעפן.